


אידיש

בסייעתא דשמיא

# זרע שמשון

געקליבענע געדאנקען און טרעפליכע פערל ווערטער אויף די וועכענטליכע פרשה.
צוזאמגענומען פון די ספרים פון דער גרויסער צדיק
און גאון רבינו שמשון חיים ב"ר נחמן מיכאל נחמני זלה"ה.
וועלכע האט צוגעזאגט פאר די אלע וואס לערנען זיינע ספרים און תורות, וועלן זוכה זיין
צו זעהן ישועות און נפלאות אין אלע הינזיכטן - 'בני חיי ומזוני'.

בא תשפ"ד • זרע שמשון - א לימוד וואס איז משפיע ישועות • גליון 347

## אמרות שמשון

### ווייכע געוואוקסן ווערן נישט געשעדיגט כדי צו שטארקן דאס הארץ פון פרעה

**כִּי אֲנִי הִכְבַּדְתִּי אֶת לִבּוֹ וְאֶת לֵב עֲבָדָיו לְמַעַן שִׁתִי אֹתֹתַי אֵלֶּה בְּקִרְבּוֹ** *(י, א)*, לכאורה דארף מען פארשטיין פארוואס דוקא ביי מכת ארבה שטייט אין פסוק **כִּי אֲנִי הִכְבַּדְתִּי אֶת לִבּוֹ**, דאקעגן ביי די אנדערע מכות שטייט נאר **וַיְחַזֵּק ה' אֶת לֵב פַּרְעֹה** *(ט, יב. י, כ. שם כז. יא, י. יד, ח)*.

**מען** קען ערקלערן לויט ווי עס שטייט אין אין פסוק *(ט, לב)* **וְהַחִטָּה וְהַכֻּסֶּמֶת לֹא נֻכּוּ כִּי אֲפִילֹת הֵנָּה**, די ווייכע געוואוקסן זענען נישט געשעדיגט געווארן ביי מכת ברד, און עס שטייט אין חז"ל *(תנחומא טז, ילקוט שמעוני פרשת בא רמז קפ"ו, והובא ברש"י ט, לב)* 'פלאי פלאות נעשו להם שלא לקו', עס איז געווען א באזונדערע נס און וואונדער אז די ווייכע געוואוקסן זענען נישט געשעדיגט געווארן.

**די** סיבה פארוואס דער אויבערשטער האט דאס ספעציעל געמאכט, כדי פרעה זאל זיך קענען שטארקן און זאגן, אז ער דארף נישט מורא אז עס קען קומען נאך א מכה וואס וועט פארלענדן אלע איבערגעבליבענע תבואה, ווייל דער אויבערשטער וועט זיכער נישט פארלענדן אלע עסן און געוואוקסן אין מצרים.

**דערמיט** פארשטייט מען, פארוואס ווען עס איז געקומען צו 'מכת ארבה', שטייט געשריבן אין פסוק **כִּי אֲנִי הִכְבַּדְתִּי אֶת לִבּוֹ**, ווייל די מכה איז געקומען דורכדעם וואס דער אויבערשטער האט ספעציעל געשטארק דאס הארץ פון פרעה, דורך די נס וואס האט פאסירט ביי מכת ברד אז די ווייכע געוואוקסן זענען נישט געשעדיגט געווארן. *('זרע שמשון' פרשתנו אות א')*

### מכת חשך • מדה כנגד מדה

**וַיְהִי חֹשֶׁךְ אֲפֵלָה בְּכָל אֶרֶץ מִצְרָיִם** *(י, כב)*, מען קען זאגן א טעם פארוואס דער אויבערשטער האט געברענגט אויף די מצרים מכת חושך, דאס איז געקומען 'מדה כנגד מדה', אזוי ווי עס שטייט אין חז"ל *(רש"י בראשית מז, כח)*, נאכדעם וואס יעקב אבינו איז נפטר געווארן 'נסתמו עיניהם ולבם של ישראל מצרת השעבוד', עס איז פארטונקלט געווארן די אויגן און הערצער פון אידישע קינדער צוליב די שעבוד מצרים. דערפאר זענען די מצרים באשטראפט געווארן מיט 'מכת חושך' אלס שטראף וואס זיי האבן פארטונקלט די אויגן און הערצער פון אידישע קינדער. *('זרע שמשון' פרשתנו אות ב')*

### כלל ישראל ווערט אויך אויסגעלייזט אין זייער אייגענע זכות

**וַיִּקְרָא מֹשֶׁה לְכָל זִקְנֵי יִשְׂרָאֵל וַיֹּאמֶר אֲלֵהֶם מִשְׁכוּ וּקְחוּ לָכֶם צֹאן לְמִשְׁפְּחֹתֵיכֶם וְשַׁחֲטוּ הַפָּסַח** *(יב, כא)*, די סיבה פארוואס דער אויבערשטער האט באפוילן כלל ישראל זיי זאלן מקריב זיין א קרבן פסח, כדי זיי זאלן האבן א זכות צו ווערן אויסגעלייזט.

**טראץ** וואס דער אויבערשטער האט צוגעזאגט פאר אברהם אבינו ביים ברית בין הבתרים אז ער וועט אויסלייזן זיינע קינדער, וואלט עס נישט געווען מיט אזא גרויסע שמחה, אזוי ווי עס שטייט אין חז"ל *(ירושלמי ערלה א, ג, הובא בתוס' קידושין לו:)* 'מאן דאכיל דלאו דיליה, בהית לאיסתכולי באפיה', עמיצער וואס עסט נישט פון זיין אייגענע עסן, שעמט זיך צו קוקן יענעם אין פנים.

**דעריבער** האט דער אויבערשטער געוואלט אז כלל ישראל זאל מקיים זיין א מצוה, וואס פאדערט זיך מסירת נפש, צו נעמען און מקריב זיין די אָפּגאָט פון מצרים, כדי מיט די זכות זאלן זיי קענען אויסגעלייזט ווערן, וואס דאס וועט פארמערן די שמחה פון יציאת מצרים, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק *(תהלים קה, מג)* **וַיּוֹצִא עַמּוֹ בְשָׂשׂוֹן בְּרִנָּה אֶת בְּחִירָיו**. *('זרע שמשון' פרשתנו אות ח')*

### כלל ישראל האבן נאר געזינדיגט צוליב די שווערע גלות

**מִשְׁכוּ וּקְחוּ לָכֶם צֹאן לְמִשְׁפְּחֹתֵיכֶם וְשַׁחֲטוּ הַפָּסַח** *(יב, כא)*, עס שטייט אין חז"ל *(שמות רבה טו, ב)*, משה רבינו זאגט פאר כלל ישראל: "משכו ידיכם מעבודה זרה", טוט'ס אפ ענקער האנט פון עבודה זרה.

**מען** קען ערקלערן פשט, אז באמת כלל ישראל האבן שטענדיג געוואלט זיין ערליך און נישט דינען עבודה זרה, אבער צוליב די שווערע גלות האבן זיי זיך נישט געקענט מתגבר זיין אויפן יצר הרע. אבער ווי נאר זיי האבן געהערט די בשורה אז דער אויבערשטער וויל זיי אויסלייזן, האבן זיי זיך גלייך צוריק געקערט צו באשעפער מיטן גאנצע הארץ.

**דעריבער** זאגט משה רבינו: "משכו ידיכם", ענק דארף בלויז אפטון ענקער הענט פון עבודה זרה, [אויב וואלטן זיי ריכטיג געדינט עבודה זרה, וואלט נישט געווען גענוג בלויז צו אפטון די הענט, עס וואלט אויסגעפעלט זיי זאלן אפלאזן די עבו"ז און תשובה טון צום באשעפער, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק *(ישעיהו נה, ז)* **יַעֲזֹב רָשָׁע דַּרְכּוֹ וְאִישׁ אָוֶן מַחְשְׁבֹתָיו וְיָשֹׁב אֶל ה'** וגו'], ווייל ענק האבן נאר געדינט עבודה זרה באונס - געצווינגענערהייט, צוליב די שווערע גלות אין מצרים, און עס איז גענוג אז ענק טון אפ ענקער האנט פון עבודה זרה, און עטץ גייט'ס מקריב זיין א קרבן פארן אויבערשטער. *('זרע שמשון' פרשתנו אות י')*

• הוצאת הגליון והפצתו לזכות •

| לברכה ולהצלחה | לברכה ולהצלחה | לברכה ולהצלחה | לברכה ולהצלחה | לזיווג הגון | לעילוי נשמת | לעילוי נשמת |
|---|---|---|---|---|---|---|
| דניאל אודי בן רגי'נה מלכה<br>שיזכה לשפע ברכה והצלחה ולהשלמת העסקאות בקרוב ממש | יצחק בן דשיל<br>הצלחה בפרנסה וכל טוב סלה | רפאל דוד בן נעמי<br>לפרנסה בשפע וישועה בקרוב ממש | צבי יצחק דוב בן גיטל חיה<br>וזוג' מרים סאבל בת אסתר<br>ובניהם שמעון יחזקאל, ישעיה, יואל אלעזר<br>שיזכו לסייעתא דשמיא ולהצלחה בכל העניינים | בנימין ישראל בן אילנה<br>שרה בת אילנה<br>עזרה אפרים בן אילנה<br>שיזכו לזיווג הגון בקרוב ממש מתוך שמחה ואושר | הרה"ח רבי נטע צבי בן בנציון משה ז"ל<br>שהיה אוהב תורה ויגע בה בהתמדה<br>נלב"ע ה' שבט תשפ"א ת.נ.צ.ב.ה.<br>הוקדש ע"י בנו אהרן שלמה בן שושנה וויטא להצלחה וברכה | האשה החשובה מרת חיה מלכה פאשקעס ע"ה בת הרב רבי מרדכי ז"ל<br>נלב"ע ט' שבט תשס"ה ת.נ.צ.ב.ה.<br>הוקדש ע"י בניה הרה"ח ר' מנחם בנימין פאשקעס שליט"א<br>ואחיו הרה"ח ר' משה פאשקעס שליט"א |

תרומות למען הפצת תורת זרע שמשון 02-80-80-500 * 347-496-5657 אלפים נושעו בהבטחת הזרע שמשון

# גבורת שמשון
## סיפורי ישועה

- אין קורצן פון פריער -

**הרב מ. ח. הי"ו ארבעט אין איינע פון די גרויסע ספרים געשעפטן אין בארא פארק פארצייילט, אז איז אריינגעקומען א איד אין געשעפט און געבעטן אז ער וויל קויפן דער הייליגער ספר 'זרע שמשון', און מאיז אונגעקומען צו א שמועס וועגן די גרויסע סגולה פון זרע שמשון און ווי אזוי ער איז אונגעקומען צו דעם, און פאר וואס דאס איז די בר מצוה מתנה.**

## א בר מצוה מתנה (2)

**הרב מ. ח. פארצייילט ווייטער:**

**איך** האב געוואוסט אז איך קען נישט פארלאנגן פון מיין בחור ער זאל זיין פולשטענדיג אריינגעלייגט נאר אין די גמרא, און נישט וויסן וואס טוט זיך אינדרויסן פון כותלי הישיבה. אבער שמועס'נדיג מיט אים האב איך אים איידלערהייט געפרעגט:

**וואס** טוט זיך עפעס נייעס אין ישיבה?

**טראץ** וואס איך האב געוואוסט אז ער וועט מיר נישט קענען צופיל ענטפערן, האב איך כאטשיג פראבירט צו מאכן די געשפרעך נאטירליך און אנגענעם.

**ער** האט טאקע נישט געהאט צופיל וואס צו ענטפערן אויף מיין שאלה, אבער - נישט וועלנדיג מצער זיין - האט ער דאך פראבירט צו מיטטיילן עפעס א נייעס'ל אינערהאלב די ראמען פון ישיבה, און האט פארצייילט בדרך אגב, אז עס האט זיך אויפגעמאכט א פרישע 'חבורה' אין ישיבה וואס וועלן לערנען צוזאמען דער ספר 'זרע שמשון'.

**נישט** האבנדיג קיינמאל געהערט איבער דעם ספר, האב איך זיך אינטערעסירט און אביסל אויסגעפרעגט וואס פאר א סארט ספר דאס איז, צו דאס איז מוסר, חסידות, אדער גאר מעגליך קבלה?

**האט** ער געענטפערט אז דאס איז א ספר אויסגעשטעלט לויט די פרשיות השבוע, און איז געשריבן געווארן דורך א צדיק וואס האט געלעבט העכער דריי הונדערט יאר צוריק, און האט נישט זוכה געווען איבערצולאזן קינדער, און האט צוגעזאגט גאר זעלטענע הבטחות פאר דער וואס וועט לערנען זיינע ספרים, מען וועט זוכה זיין צו בני חיי ומזוני און אלע גוטע ישועות.

**אין** יענע מינוט האט אויפגעלאכטן אין מיר א פינק פון האפענונג, שפירנדיג אז דאס איז נישט סתם נאך א נייעס'ל... איך זאג פאר מיין זון "איך בעט דיר טו מיר א טובה, מאך זיכער אז דו ווערסט א טייל פון די 'חבורת זרע שמשון'. און מיטן אויבערשטנ'ס הילף, אינעם זכות פון דער גרויסער צדיק מיט זיין גרויסע הבטחה, וועט מען זיכער זוכה זיין צו די גרויסע ישועה וואס אונז ווארטן שוין אזוי לאנג" - האב איך פארענדיגט מיינע ווערטער.

**איך** ווייס נישט פון וואו איך האב גענומען די שטארקייט צו זאגן אזעלכע ווערטער, אפגעזען פונעם פאקט אז איך האב פארדעם ניטאמאל געהערט אדער געוואוסט פונעם ספר, אבער איך האב געשפירט אז דער אויבערשטער האט מיר געמאכט הערן די ווערטער דוקא אין דעם שווערן מצב, און מיט א אינערליכע זיכערקייט האב איך אים געשטארקט און געמוטיגט אז מען טאר קיינמאל נישט אויפגעבן, און דאס וועט בס"ד ברענגן דער ריכטיגע שידוך בקרוב ממש.

**כ'מיין** אז ס'פעלט נישט אויס צו פארצייילן ווייטער די מעשה - זאגט דער איד פארן געשעפט'ס מאן וואס הערט זיך איין געשפאנט - אבער נאך יענע וואך האט זיך פארבינדן א שדכן און אנגעטראגן א שידוך, נאכדעם וואס פאר זייער א לאנגע צייט איז דער טעלעפאון געווען שאַ שטיל און קיינער האט גארנישט אנגעטראגן.

**און** בלויז א קורצע וואך שפעטער איז שוין מיין זון געזעצן אויפן עראפלאן אויפן וועג קיין ניו יארק זיך צו טרעפן מיטן מחותן, און ברוך ה' עטליכע טעג שפעטער איז דער שידוך געשלאסן געווארן בשעה טובה ומוצלחת!

**דעריבער** - פירט אויס דער איד - נאכדעם וואס איך האב אליינס בייגעוואוינט ביי מיר פערזענליך א גרויסע ישועה בזכות רבינו ה'זרע שמשון', האב איך געטראכט וועלכע זאך קען איך זיך אונטערנעמען וואס זאל ברענגן א עילוי נשמה פאר רבינו ה'זרע שמשון' זי"ע.

**דעמאלטס** איז מיר איינגעפאלן דעם געדאנק אז יעדע מאל ווען איך וועל דארפן קויפן א ספר פאר איינעם, בפרט ווען ס'קומט צו קויפן בר מצוה מתנות, וועל איך קויפן דער ספר זרע שמשון און דורכדעם וועל איך האבן א טייל אינעם זיכוי הרבים צו פארשפרייטן תורת רבינו הזרע שמשון זי"ע.

**מיט** דעם פארשטייסטו שוין פארוואס איך האב אויסגעקליבן דער ספר 'זרע שמשון' מער פון אלע אנדערע ספרים וואס דו פארקויפסט דא אין געשעפט, וויבאלד דאס איז מיין זכות וואס איך טו לעילוי נשמתו הטהורה.

**דער** איד פארענדיגט זיינע ווערטער, און האט זיך לייכט אנטשולדיגט פארן אויפהאלטן אינמיטן ארבעט, און זאגט: איך האף אז דאס פארצייילן די מעשה וועט דיר העלפן צו פארשטיין אביסל מער ווען אנדערע מענטשן וועלן קומען קויפן דעם ספר, און דו וועסט וויסן מער פונקטליכער פון וואס מען רעדט...

(פארצייילט דורך דער געשעפט'ס מאן ר' מ. ח. ני"ו)

**לפרסום ישועתכם בזכות לימוד המסוגל הזרע שמשון לזיכוי הרבים:**

ניתן לשלוח את סיפורי הישועה: למייל: zera277@gmail.com או להתקשר 05832-80300

או בהשארת הודעה בטל: 02-80-80-600 שלוחה 7

**ארויסגעגעבן דורך 'האיגוד העולמי להפצת תורת רבינו הזרע שמשון'.**

צו באקומען דעם גליון וועכענטליך, פאר באמערקונגען, אדער איבערצוגעבן פערזענליכע סיפורים, קען מען זיך ווענדן צו: zera277@gmail.com

אדער קענט איר זיך פארבינדען צו דאס פאלגענדע: **ארץ ישראל** הרב ישראל זילברברג: 052-716-6450 www.zerashimshon.com

**אמעריקע** הרב מנחם בנימין פאשקעס: 347-496-5657 mbpaskesz@gmail.com Zera Shimshon C/O B Paskesz 1645 48 St. Brooklyn NY 11204

צו באקומען די ספר 'זרע שמשון' קען מען זיך פארבינדן
ארץ ישראל: 05271-66-450
בארה"ב: 347-496-5657

אזוי אויך קענט איר אטייל נעמען אין די הוצאות, צו מנדב זיין לזכות אדער לע"נ און גלייכצייטיג זוכה זיין צו די זעלטענע ברכה פון דער הייליגער 'זרע שמשון'

ניתן להפקיד בבנק מרכנתיל (17) סניף 635 מ.ח. 71713028 ע"ש זרע שמשון
כמו"כ ניתן לתרום בכרטיס אשראי

זרע שמשון
האיגוד העולמי להפצת תורת
מתוך הבטחת וברכת המחבר: ...

זרע שמשון ע"ר 580624120

**וזכות הצדיק ודברי תורתו הקדושים יגן מכל צרה וצוקה, ויושפע על הלומדים ועל המסייעים בני חיי ומזוני וכל טוב סלה כהבטחתו בהקדמת ספריו**